# שִׁיחוֹת הָרֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

## פרשת וישב שנת תשפ"א לפ"ק

ארויסגעגעבן דורך
"קרן הדפסה היכל הקודש"

צו באקומען די און אנדערע ספרים און קונטריסים:

| | |
|---|---|
| **היכל הקודש קרית ברסלב ליבערטי**<br>Heichal Hakodesh<br>Kiryas Breslev<br>181 Huschke Road<br>Liberty NY 12747 | **היכל הקודש וויליאמסבורג**<br>Heichal Hakodesh<br>Williamsburg<br>27 Skillman Street<br>Brooklyn NY 11205<br>1-718-384-1652 |
| **היכל הקודש קרית יואל**<br>Heichal Hakodesh<br>Kiryas Joel<br>8 Hayes Ct.<br>Monroe NY 10950<br>1-845-467-5299 | **היכל הקודש קרית יואל**<br>Heichal Hakodesh<br>Kiryas Joel<br>8 Premishlan Way.<br>Monroe NY 10950<br>1-845-243-0563 |
| **היכל הקודש בארא פארק**<br>Heichal Hakodesh<br>Boro Park<br>1011 41 Street<br>Brooklyn NY 11219<br>1-718-384-1652 | **היכל הקודש מאנסי**<br>Heichal Hakodesh<br>Monsey<br>32 Dolson Road<br>Monsey NY 10952<br>1-347-733-7551 |

Visit Our Web Site:
www.BreslevCenter.com

צו הערן די הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א רופט:

| | |
|---|---|
| **קול ברסלב**<br>**212-444-9191** | **חיזוק פאר די אידישע שטוב**<br>**212-444-9169** |

## חיזוק יומי

**צו באקומען די חיזוק יומי**

| | |
|---|---|
| **אימעיל**<br>chizikyomi@gmail.com | **טעלעפאון מעסידזשינג**<br>347-630-2876 |

# שיחות וסיפורים

## נישט ווערן באליידיגט, נאר ווייטער אנגיין

קב) דער ראש ישיבה שליט"א האט אמאל מוסר געזאגט פאר א בחור אין ישיבה, דער בחור האט זיך געשפירט געטראפן פון די מוסר וואס דער ראש ישיבה שליט"א האט אים געזאגט, און ער איז צוליב דעם נישט געקומען אין ישיבה פאר א שטיק צייט.

נאך א שטיק צייט, ווען דער בחור האט זיך אביסל געשטארקט און איז צוריקגעקומען אין ישיבה האט דער ראש ישיבה שליט"א צו אים געזאגט: ווען דער ראש ישיבה זאגט עפעס, אפילו שטרענגערהייט, דארפסטו נישט ווערן באליידיגט; איך זאג דיר נאר ווייל איך וויל דו זאלסט וויסן וויאזוי זיך צו פירן. מען דארף ווייטער אנגיין, און פון יעצט און ווייטער וועסטו שוין וויסן וואס דו האסט צו טון אין דעם נושא.

דער ראש ישיבה שליט"א האט געזאגט: בכלל, א מענטש דארף נישט ווערן באליידיגט און זיך שפירן געטראפן ווען איינער שרייט אויף דיר; וואס וועסטו טון נאך די חתונה אז דיין ווייב וועט אמאל שרייען אויף דיר: "וואס ביזטו אהיימגעקומען אזוי שפעט?! אדער: "פארוואס העלפסטו נישט?! וועסטו אויך ווערן באליידיגט און נישט אהיימקומען מער"?

## די פסקים פון ישיבה בויעט אויף פאר'ן לעבן

קג) א אינגערמאן האט געבעטן דעם ראש ישיבה שליט"א אז ער וויל פאר זיין בחור א שידוך - א תלמידה פון "בית פיגא", דער אינגערמאן האט געזאגט אז זיין בחור איז אויך א תלמיד הישיבה טראץ דעם וואס ער לערנט אין א צווייטע ישיבה, ווייל דער בחור הערט אויס אלע שיעורים פונעם ראש ישיבה שליט"א אויפ'ן טעלעפאון און ער זאגט משניות און רעדט צום אייבערשטן וכו'.

האט דער ראש ישיבה שליט"א געזאגט: "איין זאך פעלט אים - די פסקים פון ישיבה, דאס בויעט אויף פאר'ן לעבן, פון דעם וועט ער באקומען שכל וויאזוי זיך צו פירן".

## וואס מיינט א רבי?

קד) א מענטש מוז האבן א רבי וועמען ער פרעגט זיינע ספיקות און זיינע שאלות, אפילו עס איז אומבאקוועם, און מען ווייסט אז עס קען זיין אז דער רבי וועט אנשרייען און מבזה זיין: "דאס פרעגסטו?! דו ווייסט נישט מען טאר דאס נישט טון"?! וכו' וכו', ווי דער הייליגער רבי זאגט[א]: "מִי שֶׁהוּא מַקְטִין אֶת עַצְמוֹ בִּפְנֵי רַבּוֹ וְשׁוֹאֵל מִמֶּנּוּ כָּל הַסְּפֵקוֹת", וועד עס האלט זיך קליין פאר זיין רבי, און ער פרעגט זיין רבי אלע זיינע ספיקות, "אַף עַל פִּי שֶׁרַבּוֹ מְבַיֵּשׁ אוֹתוֹ", אפילו זיין רבי פארשעמט אים, דאך פרעגט ער אים נאך אלץ זיינע שאלות און זיינע ספיקות, "עַל יְדֵי זֶה זוֹכֶה שֶׁיּוֹצֵא מִמֶּנּוּ בֵּן שֶׁהוּא גָּדוֹל בַּתּוֹרָה יוֹתֵר מֵרַבּוֹ", וועט ער זוכה זיין צו קינדער וואס וועלען זיין זייער גרויס, נאך גרעסער פון זיין רבי.

חז"ל דערציילן[ב] אז דוד המלך פלעגט פרעגן זיין רבי 'מפיבשת' אלע זיינע שאלות. ער פלעגט אים פרעגן: "מְפִיבֹשֶׁת רַבִּי, יָפֶה דַּנְתִּי? יָפֶה חִיַּבְתִּי? יָפֶה זִכִּיתִי? יָפֶה טִהַרְתִּי? יָפֶה טִמֵּאתִי? וְלֹא בּוֹשְׁתִּי", ער האט זיך נישט געשעמט, האט ער זוכה געווען צו א קינד וואס איז געווען גרעסער פון מפיבשת - מען האט אים גערופן כלאב, דאס איז א לשון פון פארשעמען, ער איז געווען אזוי גרויס אז דוד המלך'ס רבי מפיבשת איז פארשעמט געווארן פון זיין גרויסקייט.

א מענטש דארף וויסן: "אליינס בלאנדשעט מען", מען קען נישט גיין אליינס. מען דארף פרעגן פון אן ערליכער איד פאר יעדע טריט אין לעבן, סיי בגשמיות, און סיי ברחניות; אז נישט, קען מען זייער פארפירט

---

[א] ספר המידות, אות בנים, סימן סו.

[ב] ברכות ד.

ווערן.

דער ראש ישיבה שליט"א זאגט: "איידער מען גייט טון א שידוך, דארף מען דאס ערשטע זאך קוקן אויב דער בחור האט איינעם וועם ער פרעגט זיינע שאלות און ספיקות, א מענטש וואס גייט אליינס, ער האט נישט א רבי וועם ער פרעגט אלע זיינע ספיקות איז א הפקר-יונג, אפילו ער גייט אנגעטון חסיד'יש און ער זעט אויס ווי אן ערליכער בחור".

א בחור וואס האט געלערנט אין ישיבה האט געהאלטן געציילטע טעג פאר זיין חתונה, און דער טאטע פונעם חתן האט אנגערופן דעם ראש ישיבה שליט"א פרעגן, דער אבי הכלה האט געבעטן אז דער חתן זאל זיך אנטון ווייסע זאקן (ביי דעם חתנ'ס צד גייט מען נישט אזוי), און ער ווייסט נישט וואס צו טון, ווייל דער מחותן האט זיך דאס נישט אויסגענומען פאר'ן שידוך.

האט דער ראש ישיבה שליט"א געזאגט: "דיין פראבלעם איז נישט צי דער חתן זאל יא, אדער נישט אנטון ווייסע זאקן, די פראבלעם איז אז דער חתן קומט נישט אליין פרעגן וואס ער זאל טון, ער לערנט שוין עטליכע יאר אין ישיבה און ער איז קיינמאל נישט געקומען פרעגן פון זיין ראש ישיבה א שאלה; דאס איז דער פראבלעם, וואס וועט ער טון נאך זיין חתונה? ווער וועט זיין, זיין מורה דרך"?!

דער ראש ישיבה שליט"א האט אמאל געזאגט פאר א שדכן: "דו ווילסט וויסן ווער עס איז א גוטע בחור? א בחור וואס האט א רבי וועם ער פרעגט זיינע שאלות, אפילו ער האט א סמארטפאון, און ער האט נישט קיין בארד וכו', דער איז א בחור וואס קען גיין צו די חתונה; א בחור וואס האט נישט א רבי וועם ער פרעגט זיינע ספיקות קען ער גיין אנגעטון חסיד'יש, מיט א גרויסע טלית קטן - דער איז אין א סכנה.

## עצתו אמונה אויף ענגליש

קה) דער ראש ישיבה שליט"א האט געזאגט איבער דעם נייעם ספר

'לייט און אמונה' (עצתו אמונה איבערגעטייטש אויף ענגליש) וואס מען גייט יעצט דריקן אין די טויזענטער: "דער ספר וועט מאכן א בראך אויף דער וועלט"!